# במדבר

א. פרשת במדבר לייענט מען אַלע מאָל פאַר שבועות [1]). דער טעם אויף דעם איז, בכדי צו מפסיק זיין צווישן דער תוכחה פון פרשת בחוקותי און מתן תורה. וויבאַלד אָבער אַז אַלע ענינים פון תורה — בתוכם, דער ענין פון סמוכין — זיינען בדיוק, מוז מען דאָך זאָגן, אַז דאָס וואָס מען לייענט דוקא פרשת במדבר פאַר שבו־עות איז עס ניט נאָר צוליב מפסיק זיין צווישן דער תוכחה און מתן תורה [2]), נאָר אויך ווייל די ענינים וועלכע עס ריידן זיך אין אָט דער פרשה זיינען אַ הכנה צו קבלת התורה [3]).

אין פרשת במדבר רעדט זיך בעיקר וועגן ציילן די אידן, — וואָס צוליב דעם תוכן פון דער פרשה (און דעם מנין פון פרשת פנחס) [4]) ווערט דער גאַנצער ספר אָנגערופן מיטן נאָמען חומש „הפקודים" [5]) — און ווי מיר געפינען באַ נאָך אַן ענין פון ציילן אַז עס איז אַ הכנה צו מתן תורה; ספירת העומר [6]). דאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז די מעלה פון ציילן און ביז אויף אַזוי פיל אַז דאָס איז אַ הכנה צו מתן תורה?

ב. דער טעם פאַרוואָס דער אויי־בערשטער האָט געהייסן ציילן די אידן, שטייט אין מדרש [7]), אַז דאָס איז ווייל אידן זיינען זייער חשוב ביי דעם אויי־בערשטן: „נמשלו ישראל כערימה של חטים, מה החטים הללו נכנסות לאוצר במנין כך אמר הקב"ה שיהיו ישראל נמנים בכל שעה" (אידן זיינען געגליכן צו אַ קופע פון ווייץ — פונקט ווי ווייץ ווערן אַריינגעבראַכט אין זייער „אוצר" מיט אַ צאָל, אַזוי האָט געזאָגט דער אויבערשטער, אַז אידן זאָלן ווערן געציילט יעדע ווילע). ס'איז אָבער ניט מובן: דאָס וואָס אַ מענטש ציילט חטים צוליב זייער חשיבות און טייער־קייט איז עס דאָך בכדי ער זאָל וויסן זייער צאָל; דער אויבערשטער אָבער ווייסט דאָך דעם מספר פון אידן אויך אָן דעם ציילן, איז צוליב וואָס האָט ער זיי געהייסן ציילן?

אין של"ה שטייט, און דאָס ווערט געבראַכט און נתבאר אין חסידות [8]), אַז דורך דעם וואָס מען האָט געציילט די אידן, זיינען זיי געוואָרן אַ „דבר שבמנין", און „דבר שבמנין לא בטל" [9]): אידן צווישן די אומות העולם

1) תוד"ה קללות שבת"כ מגילה לא, ב.
2) ובדוגמת פרשת נצבים שקוראין קודם ר"ה, שאינו רק בכדי להפסיק בין התוכחה דפ׳ תבא לר"ה (תוספות שם), אלא גם לפי שאתם נצבים „היום" קאי על ר"ה (לקו"ת ר"פ נצבים).
3) מובן שאין קושיא ממה שלפעמים קוראין גם פ׳ נשא קודם עצרת (ולפעמים קוראין גם פ׳ וילך קודם ר"ה) — כי הענין בזה שלפעמים צ"ל תוספת הכנה למ"ת (ולר"ה) אבל לא תמיד, משא"כ בהנוגע לתוכן פ׳ במדבר (ופ׳ נצבים).
4) עיין פירש"י יומא סח, ב.
5) יומא שם.

6) ראה גם לקו"ש ח"ג ע׳ 976 ואילך. 995 ואילך.
7) במדב"ר פ"א, ד. וראה רש"י ריש הפרשה.
8) חלק תושב"כ, שלשה מחנות (שמז, א). ד"ה צהר תעשה לתיבה תרע"ג (בהמשך תער"ב ח"א).
9) ביצה ג, ב. שו"ע יו"ד סק"י, ס"א.

זיינען דאך א „כבשה בין שבעים זאבים״[10] (ווי א שעפסעלע צווישן זיבעציק וועלף), קענען זיי דאך ח״ו נתבטל ווערן צווישן די אומות העולם, האט דער איבערשטער געהייסן ציילן די אידן, בכדי זיי זאלן ווערן א „דבר שבמנין״, און א זאך וואס ווערט געציילט ווערט ניט בטל.

דאס איז אבער נאך ניט מובן: דער טעם פון דעם דין וואס „דבר שבמנין לא בטל״ איז, ווייל דאס ציילן פון א זאך וויזט אויף איר חשיבות, און א דבר חשוב ווערט ניט בטל. קומט דאך אויס, אז ניט דער ציילן טוט אויף אז די זאך זאל ניט בטל ווערן, דער ציילן איז נאר א סימן צו וויזן די חשיבות פון דער זאך. היינט וויבאלד אז אידן זיינען א דבר חשוב, זיי זיינען ווערט געציילט צו ווערן צוליב זייער חשיבות, זיינען זיי דאך א „דבר שבמנין״ אויך ווען זיי ווערן בפועל ניט געציילט — איז צוליב וואס האט מען זיי געדארפט ציילן בפועל?

ג. ווי געזאגט פריער, איז פרשת במדבר א הכנה צו מתן תורה. דער אויפטו פון מתן תורה איז — דער פארבונד פון עליונים און תחתונים — רוחניות מיט גשמיות: די מצוות פון פאר מתן תורה האבן ניט געהאט קיין ווירקונג אויף די דברים גשמיים מיט וועלכע מען האט זיי מקיים געווען, אז זיי זאלן ווערן הייליק[11]; מתן תורה האט געגעבן דעם כח, אז אידן דורך קיום המצוות זאלן אויסאיידלען די גשמיות׳דיקע וועלט און מאכן פון איר קדושה.

וויבאלד אז די עבודה פון אידן נאך מתן תורה איז צו מאכן פון דער וועלט קדושה, אז זי אליין זאל ווערן א דירה לו יתברך, דארף די חשיבות און כח פון אידן זיין אין אזא אופן אז די וועלט זאל עס דערהערן: אויב די חשיבות פון אידן וואלט פארבליבן אין רוחניות און ניט ווערן אויסגעדריקט אויך אין גשמיות, איז כאטש אז אויך דאן וואלטן זיי ניט נתבטל געווארן אין דער וועלט וואס ארום זיי; די וועלט וואלט אויף זיי ניט געהאט קיין שליטה ח״ו צו מונע זיין זיי ח״ו פון דער עבודה בנוגע זיך אליין, וואלט אבער זייער כח און חשיבות ניט געקענט באווירקן און באאיינפלוסן די גשמיות׳דיקע וועלט. דעריבער האט מען זיי געדארפט ציילן בפועל, בכדי צו אויסדריקן זייער חשיבות אין א פעולה וואס די גשמיות׳דיקע וועלט זעהט, וואס דוקא דאן קען זייער חשיבות און כח פועל׳ן אויך אויף דער גשמיות׳דיקע וועלט.

לויט דעם איז אויך מובן די שייכות פון פרשת במדבר מיט מתן תורה: דורך דעם וואס מען האט געציילט די אידן בפועל און זייער חשיבות האט זיך אויסגעדריקט אין א פעולה אין וועלט — קענען זיי מאכן פון דער וועלט א מקדש לו יתברך, וואס דאס איז דער תכלית פון מתן תורה.

ד. לויט דעם וועט אויך ווערן פארשטאנדיק, פארוואס האט מען געציילט נאר די אידן וואס זיינען „מבן עשרים שנה ומעלה״: לכאורה האט מען דאך געדארפט ציילן אלע אידן, בכדי זיי אלע זאלן ווערן א „דבר שבמנין״ און דורך דעם ניט בטל ווערן ח״ו צווישן די אומות העולם — פאר־

10) אסת״ר פ״י, יא. תנחומא תולדות ה. וראה ג״כ יומא סט, ב.

11) ראה שהש״ר פ״א ע״פ לריח שמניך ולקו״ש ח״ג פ׳ לד.

וואס האט מען געציילט נאר „מבן עשרים שנה ומעלה״?

דער חילוק צווישן דער עבודה וואס א איד דארף טאן פאר צוואנציק יאר און דער עבודה וואס ער דארף טאן מבן עשרים שנה ומעלה: ביז צוואנציק יאר דארף זיין דער עיקר העבודה אין לימוד התורה (א בן חמש, דארף לערנען פינף יאר מקרא; שפעטער — פינף יאר משנה און דערנאך — פינף יאר תלמוד)[12], וואס דער לימוד התורה איז דאך עיקרו ניט בכדי צו אויפטאן דורך דעם לימוד גופא אין וועלט, נאר בכדי צו אויפטאן מיט זיך[13]. ובכלל איז דאך צו הבנת שכל א מעלה התבודדות פון וועלט. בן עשרים אבער, איז — לרדוף; צו צוואנציק יאר דארף מען ווערן א „יוצא צבא״, מען דארף ארויסגיין במלחמה צו איינעמען די וועלט — „פרו ורבו ומלאו[14] את הארץ וכבשוה״ — און מאכן פון איר א דירה לו יתברך, דורך קיום המצוות[15].

און דעריבער האט מען ניט געדארפט ציילן די וועלכע זיינען געווען פאר צוואנציק יאר, ווארום זייער עבודה איז דאך בעיקרה ניט צו אויפטאן אין וועלט, נאר צו טאן מיט זיך, און אויף דער עבודה איז גענוג די חשיבות וואס אידן האבן בעצם, ווי געזאגט פריער, מה־שאין־כן די וועלכע זיינען נאך צוואנציק, די „יוצאי צבא״, צו אויפטאן און איינעמען די וועלט, דארף זייער חשיבות ארויסקומען בגילוי אין אן אופן אז אויך וועלט זאל עס דערהערן.

ה. ווי דערמאנט פריער, ווערט ספר במדבר אנגערופן „חומש הפקודים״. א נאמען — ובפרט בלשון הקודש — ווייזט דאך אויפן אינהאלט פון דער אנגערופענער זאך[16]. וויבאלד אז ספר במדבר ווערט גערופן „פקודים״ — בעיקר על שם פון דער ערשטער סדרה, איז א ראי׳ אז דער תוכן פון פרשת במדבר איז די עצם זאך פון ציילן. און אין דעם ציילן אליין (ניט בלויז אלס סימן אויף חשיבות) איז דא א גרויסע מעלה, וואס מצד דער דאזיקער מעלה איז פרשת במדבר א הכנה צו מתן תורה — און ווי דערמאנט פריער אז על־דרך־זה איז אויך ספירת העומר א הכנה צו מתן תורה, כאטש אז ביי ספירת העומר איז ניט שייך דער אויבנדערמאנטער ענין פון חשיבות.

די אייגנשאפט פון מנין איז: אלע גלייך: א גרויסער איז ניט מער ווי איינס און א קליינער איז ניט ווייניקער ווי איינס. און אין דעם גלייכט זיך אויס דער מנין בני ישראל מיט ספירת העומר: אין מנין בני ישראל איז ניט קוקנדיק אויף דער פארשידנקייט צווישן די מדריגות פון די געציילטע — האט מען געציילט יעדער אידן מיט דער זעלבער צאל — איינס; און אזוי ווערן אויך געציילט די ניין און פערציק טעג פון עומר, ניט

---

12) אבות פ״ה מכ״ב. הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ג, ס״א.

13) ראה עירובין נד, א. נה, א. וראה לקו״ש ח״ג ע׳ 774 ואילך, בענין ההפרש שבין זקן שקנה חכמה (תורה) ל„בא בימים״, מצות.

14) ראה הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ג סוס״א: יוליד בנים הרבה.

15) ומ״ת — שהמנין הכנה לזה — הרי הי׳ דוקא ע״י שהקדימו נעשה (עשיית המצות) לנשמע (תורה) וראה לקו״ת במדבר טז, ג.

16) ראה ב״ר פי״ז, ד. של״ה בהקדמה בית המקדש בסופו. תניא שער היחוד והאמונה פ״א.

קוקנדיק אויף די חילוקים צווישן די געציילטע טעג, צי זיי זיינען וואָכן־טעג, ר"ח, חול המועד, יום־טוב און שבתים, ווערט יעדער טאָג געציילט מיט אַ גלייכער צאָל.

דאָס וואָס מען האָט געציילט אַלע אידן גלייך, ווייזט אויף דעם עצם הנשמה פון אידן. מצד זייערע כוחות הגלויים, שכל און מדות, זיינען פאַראַן חילוקים צווישן איינעם מיט אַ צווייטן, אָבער מצד עצם הנשמה זיינען אַלע אידן גלייך [17].

דער חילוק צווישן דער עבודה מצד כוחות הגלויים און דער עבודה מצד עצם הנשמה: בעת די עבודה איז נאָר מצד כוחות הגלויים, פאַרשטאַנד אָדער געפיל, איז זיין מציאות, זיין אייגענער "איך", אַ באַזונדער זאַך פון אלקות, און זיין קיום התורה און מצוות איז ווי אַ צוגעגעבענע זאַך צו אים — ער איז מקיים תורה ומצוות ווייל אַזוי פאַדערן זיינע כוחות — זיין פאַרשטאַנד און געפיל. מה־שאין־כן ווען ער איז מעורר און מגלה זיין עצם הנשמה, וואָס זי איז "יחידה לייחדך", ווערט דאָך זיין גאַנצע עצמיות איין זאַך מיט אלקות — "ישראל אורייתא וקודשא בריך הוא כולא חד" [18].

אָט די עבודה פון עצם הנשמה, וואָס מצד איר ווערן אַלע אידן געציילט גלייך, דריקט זיך אויך אויס אין דעם ענין פון ספירת העומר, וואָס אַלע טעג ווערן געציילט גלייך: בשעת די עבודה איז נאָר מיט שכל און מדות, איז פאַראַן אַ חילוק צווישן אַ וואָכע־דיקן טאָג און ר"ח יום־טוב ושבת; די עבודה פון ר"ח יו"ט און שבת טוט ער מיט אַ חיות, אָבער ווען עס קומט די עבודה מיט וואָכעדיקע ענינים — "בכל דרכיך דעהו" — אין דעם האָט ער שוין קיין חיות ניט. בעת אָבער ער איז מעורר די עצם הנשמה, און זיין גאַנצע עצמיות ווערט איין זאַך מיט אלקות און דאָס פועל'ט אויף זיינע מוחין ומדות, איז ביי אים דאָן ניטאָ קיין חילוק צווישן חול און שבת — אַלע זיינע צייטן, און אַלץ וואָס ער טוט, איז דורכגעדרונגען מיט ג־טלעכ־קייט [19].

און דעריבער איז מנין בני ישראל און ספירת העומר אַ הכנה צו מתן תורה, "אנכי הוי' אלקיך", אַז ג־טלעכ־קייט איז (ניט קיין צוגעגעבענע זאַך צום אידן, נאָר) "אלקיך" — "כחך וחיותך", דאָס איז זיין לעבן, און דערפאַר דינט ער דעם אויבערשטן ניט נאָר מיטן לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, נאָר "בכל דרכיך דעהו".

ו. פון דעם וואָס פאַר מתן תורה דאַרף מען האָבןביידע ציילונגען, סיי ספירת העומר סיי דעם מנין בני ישראל פון פרשת במדבר, איז מובן, אַז אין יעדער איינער פון זיי איז פאַראַן אַ מעלה מיוחדת וואָס איז ניטאָ אין דער צווייטער זאַך, און דוקא דורך ביידע ציילונגען צוזאַמען ווערט מען אַ כלי צו מקבל זיין די תורה.

מנין בני ישראל איז ניט פאַרבונדן מיט קיין שום אַנדער זאַך אויסער דעם ציילן אַליין; אָבער ספירת העומר איז דאָך כשמה — ספירת העומר: מען ציילט וויפל טעג עס זיינען אַדורך פון הקרבת העומר; איז עס אַ ציילונג וואָס איז פאַרבונדן מיט עבודה.

פון דעם איז מובן, אַז מנין בני

17) תניא פ' לב.

18) ראה זח"ג עג, א.

19) ראה גם לקו"ש ח"ג ע' 918.

ישראל איז פאַרבונדן מיטן עצם הנשמה, וואָס איז אַלע מאָל גאַנץ. אין עצם הנשמה אַליין פאָדערט זיך ניט קיין עבודה, ניט מער וואָס זי קען זיין בהעלם, און דורכן ציילן (אַלעמען גלייך) איז מען זי מעורר און מגלה. מה־שאין־כן ספירת העומר איז די עבודה מיט כוחות פנימיים (פון נפש האלקית און פון נפש הבהמית [20]), וועלכע מען דאַרף מזכך זיין און מעלה זיין דורך עבודה, פריער אין אַן אופן כללי דורך דער עבודה פון הקרבת העומר, און דאַן אין אַן אופן פרטי: יעדן טאָג פון די מ״ט ימי הספירה דאַרף מען מברר זיין איין פרטית־דיקע מדה (ווי ס'איז ידוע דער חשבון פון „שבע שבתות תמימות", אַז ביי יעדן איינעם זיינען פאַראַן זיבן מדות, און יעדער מדה איז כלול פון אַלע זיבן מדות — דאַרף מען יעדן טאָג מברר זיין איין פרטית'דיקע מדה).

דאָס איז אויך דער טעם פנימי אויף דעם וואָס ספירת העומר דאַרף זיין „לכל אחד ואחד" [21]; די ספירה איז ניט פאַרבונדן מיטן כלל ישראל נאָר מיט יעדן אידן באַזונדער, ביז עס קען זיין אַ מציאות אַז אַ איד (זאָל האַלטן ביי אַן אַנדער ספירה ווי אַ צווייטער, אָדער) זאָל לגמרי ניט ציילן — ניט ווי ביי מנין בני ישראל פון פרשת במדבר, וואָס משה האָט געציילט, אַלע אידן און אַלע זיינען גלייך, ווייל עס האָט צו טאָן מיט עצם הנשמה. וויבאַלד אַז ספירת העומר איז צו מזכך זיין די כוחות פנימיים, איז אין דעם אונטערשיידט זיך איין איד פון אַ צווייטן.

ז. ס'איז ניט קיין סתירה צו דעם וואָס איז גערעדט געוואָרן פריער, אַז פון דעם וואָס ביי ספירת העומר ווערן געציילט אַלע טעג גלייך, סיי חול, סיי ראש חודש יום־טוב און שבת — אַז אין דער עבודה פון וואָכעדיקע ענינים האָט ער דעם זעלבן חיות ווי אין דער עבודה פון שבת ויום־טוב — איז אַ ראי' אַז ספירת העומר איז פאַרבונדן מיט עצם הנשמה,

ווייל אָט די עבודה פון ספירת העומר מיט כוחות פנימיים איז ממחרת השבת [22] — צו אויפהויבן די כוחות און אַריינברענגען אין זיי די ליכטיקייט — „וספרתם לכם", מלשון אבן ספיר [23] — פון עצם הנשמה.

מנין בני ישראל איז צו מעורר זיין דעם עצם (מלמעלה למטה) ביז אַז דאָס זאָל פועל'ן זייער חשיבות אין וועלט; ספירת העומר איז — צו מברר זיין די כוחות פנימיים און מעלה זיין זיי (גרוצה מלמטה למעלה), אַז זייער הנהגה זאָל זיין אַזוי ווי עס פאָדערט זיך מצד עצם הנשמה.

ח. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין וואָס פאַר מתן תורה דאַרף מען האָבן בידע ציילונגען:

דער אויפטו פון מתן תורה, אַז „העליונים ירדו לתחתונים והתחתונים יעלו לעליונים", איז אויך בנוגע נפש האדם [24], אַז עצם הנשמה — „עליונים", זאָל זיין פאַרבונדן מיט די כוחות פנימיים, שכל און מדות — „תחתונים".

20) וכמש״נ: משכני — ל' יחיד, בחה״פ — אחריך נרוצה — ל' רבים, נפה״א ונפה״ב, בספה״ע (הצ״צ על שה״ש עה״פ משכני וש״נ).

21) מנחות סה, ב. וראה לקו״ש ח״ג פ' אמור.

22) ראה לקו״ת אמור לו, ב. ובכ״מ.

23) לקו״ת אמור לה, ב.

24) ראה בארוכה לקו״ש ח״ג פ' יתרו ופ' משפטים.

ד.ה. אַז אויך אין שכל שבמוח און אין מדות שבלב זאָל זיך אָפּלייגן אלקות (ניט ווי אַ צוגעגעבענע זאַך און ניט אין אַ באַגרענעצטן אופן, נאָר) ווי אין עצם הנשמה, וואָס זי איז „חבוקה ודבוקה בך, יחידה לייחדך".

וואָס דער אויפטו איז געווען באַלד ביי דעם ערשטן דיבור פון מתן תורה — „אנכי הוי' אלקיך — כחך וחיותך", אַז „אנכי מי שאנכי"[25], וואָס איז העכער פון השגה לגמרי, און איז פאַרבונדן מיטן עצם הנשמה, איז געוואָרן — „כחך וחיותך", דער כח און חיות פנימי פון אידן.

און דעריבער פאַדערט זיך פאַר מתן תורה די הכנה סיי מצד עצם הנשמה, אַז זי זאָל שטיין בהמשכה והתגלות — וואָס דאָס ווערט דורך מנין בני ישראל, סיי מצד כוחות פנימיים, אַז זיי זאָלן ווערן מזוכך און זיין כלים צום עצם — דורך ספירת העומר[26].

(משיחות ש"פ במדבר תשכ"ב)

# חג השבועות

א. עס שטייט אין מדרש[1], אַז די אידן זיינען געשלאָפן די גאַנצע נאַכט וואָס פאַר מתן תורה, „לפי ששינה של עצרת עריבה והלילה קצרה" (ווייל דער שלאָף פון עצרת (שבועות) איז אָנגענעם און די נאַכט איז קורץ), אפילו אַ „פורטענא" (אַ בייסיקע פליג) האָט זיי ניט געביסן, און ווען דער אויבערשטער איז פאַר־טאָג געקומען געבן זיי די תורה און האָט זיי געפונען שלאָפנדיק האָט ער זיי געדאַרפט אויפוועקן. און דאָס איז וואָס דער אויבערשטער פרעגט: „מדוע באתי ואין איש קראתי ואין עונה וגו'"[2]. און דאָס איז דער טעם המנהג וואָס בליל חג השבועות איז מען וואַך די גאַנצע נאַכט און מען לערנט תורה, בכדי צו מתקן זיין דעם שלאָפן פון די אידן אין דער נאַכט פון מתן תורה[3].

אַלע סיפורים פון תורה זיינען אַ הוראה בעבודתינו; בפרט אַזאַ סיפור וואָס דערציילט וועגן דער ניט־גוטער הנהגה פון אידן — וואָרום תורה מיידט דאָך אויס צו ריידן אפילו „בגנות בהמה טמאה"[4] — איז דאָך אודאי פאַראַן אין דעם סיפור אַ זייער וויכטיקע הוראה, וואָס צוליב איר איז כדאי געווען צו דערציילן אפילו דעם סיפור.

כאָטש אַז אין דעם סיפור איז פאַראַן גאָר אַ פשוט'ע הוראה — אַז מען זאָל דאָס מתקן זיין (דורך זיין וואַך אין דער נאַכט פון שבועות ועל דרך זה אַ גאַנץ יאָר) — וואָלט אָבער צוליב דעם געווען גענוג דער כללות הסיפור, אַז אידן זיינען דאַן געשלאָפן. פון דעם וואָס די תורה דערציילט די פרטי הדברים, אַז „שינה של עצרת עריבה והלילה קצרה", און אַז די פּרעושים

25) שהוא למעלה מעלה משם הוי', כי הוא בחי' דלא אתפס בשם ולא אתרמיז בשום אות וקוצא כלל (לקו"ת פ' פנחס ד"ה קדש ישראל פ"ג).

1) שהש"ר פ"א, יב ב.

2) ישעי' נ, ב.

3) מג"א ר"ס תצד.

26) וב' הכנות אלו, הם לב' הענינים שבמ"ת א) ביום הששי בסיון, ב) ביום החמישים לעומר (ראה לקו"ש ח"ג פ' אמור ובהערה 23).

4) ב"ב קכג, א.